# אַ מעשה פון אַ בן־מלך

מעשׂה. אַמאָל איז געווען אַ מלך. דער מלך האָט קיין קינדער נישט געהאַט. איז ער געגאַנגען און האָט זיך געפּאָרעט מיט דאָקטוירים, כּדי זײַן מלוכה זאָל נישט פֿאַרפֿרעמדט ווערן. זיי האָבן אים אָבער נישט געהאָלפֿן.

האָט ער גוזר געווען אויף ייִדן, אַז זיי זאָלן פֿאַר אים מתפּלל זײַן, ער זאָל האָבן קינדער.

האָבן ייִדן געזוכט אַ צדיק, כּדי ער זאָל פּועלן בײַ גאָט מיט זײַן תּפֿילה, דער מלך זאָל האָבן קינדער.

האָבן זיי געפֿונען אַ באַהאַלטענעם צדיק. און זיי האָבן צו אים געזאָגט, ער זאָל מתפּלל זײַן, אַז דער מלך זאָל האָבן קינדער.

האָט ער געענטפֿערט, ער ווייס גאָר נישט.

האָבן זיי דאָס מודיע געווען דעם מלך, באַשר עס איז דאָ אַ באַהאַלטענער צדיק, נאָר ער זאָגט, ער ווייס גאָר נישט.

האָט דער מלך געשיקט אַן אוקאַז [1] נאָך אים. האָט מען אים געבראַכט צום מלך. און דער מלך האָט אָנגעהויבן צו שמועסן מיט אים מיט גוטן:

— דו ווייסט דאָך, אַז די ייִדן זײַנען בײַ מיר אין דער האַנט. איך קען מיט זיי טאָן וואָס איך וויל. בכן, בעט איך דיר מיט גוטן: זײַ מתפּלל, אַז איך זאָל האָבן קינדער!

האָט דער צדיק אים מבֿטיח געווען, אַז ער וועט האָבן דאָס יאָר אַ קינד, און איז זיך אַהיימגעגאַנגען.

האָט די מלכּה געהאַט אַ טאָכטער. און די דאָזיקע בת־מלכּה איז געווען אַ גרויסער פּאַרשוין. און אַז זי איז אַלט געווען פֿיר יאָר, האָט

---

[1] באַפֿעל, דעקרעט.

זי געקענט אַלע חכמות און אַלע לשונות, און האָט אויך געקענט שפּילן אויף אַלערליי כּלי־שיר.

און מלכים פֿלעגן קומען צו פֿאָרן פֿון אַלע מדינות, זיי זאָלן זי זען.

איז געווען אויף דעם מלך אַ גרויסע שׂמחה.

דערנאָך האָט דער מלך זייער געוואָלט, ער זאָל נאָך האָבן אַ זון, כּדי די מלוכה זאָל נישט אַוועקגיין צו אַ פֿרעמדן.

האָט ער ווידער אַ מאָל גוזר געווען אויף די ייִדן, זיי זאָלן מתפּלל זײַן, אַז ער זאָל האָבן אַ זון.

האָבן זיי געזוכט דעם ערשטן צדיק הנ״ל. זיי האָבן אים אָבער נישט געקענט געפֿינען. וואָרעם ער איז שוין פֿון לאַנג נפֿטר געוואָרן.

האָבן זיי ווײַטער געזוכט. האָבן זיי געפֿונען נאָך אַ באַהאַלטענעם צדיק. און זיי האָבן געזאָגט צו אים, ער זאָל געבן דעם מלך אַ זון.

האָט ער געזאָגט: ער ווייס גאָר נישט.

האָבן זיי ווידער אַ מאָל מודיע געווען דעם מלך.

האָט דער מלך דעם צדיק אויך געזאָגט כּנ״ל: „דו ווייסט דאָך, די ייִדן זײַנען בײַ מיר אין דער האַנט“, כּנ״ל.

האָט אים דער חכם, הײַנו, דער דאָזיקער צדיק הנ״ל, געזאָגט:

— ווילסטו אָבער קענען טאָן, וואָס איך וועל דיר הייסן?

— יאָ! — האָט דער מלך געזאָגט.

האָט אים געזאָגט דער חכם:

— איך באַדאַרף, אַז דו זאָלסט ברענגען אַלערליי דימענטן. וואָרעם איטלעכער דימענט האָט אין זיך אַן אַנדער סגולה, וואָרעם בײַ די מלכים איז דאָ אַ ספֿר, וואָס דאָרט זײַנען פֿאַרשריבן די אַלערליי אֲבָנים טובֿות.

האָט דער מלך געזאָגט:

— איך וועל אויסברענגען אַ האַלבע מלוכה, אַבי איך זאָל האָבן אַ זון.

און ער איז געגאַנגען און האָט אים געבראַכט די אַלערליי אֲבָנים טובֿות.

האָט דער חכם זיי גענומען און זיי צעקלאַפּט. און ער האָט גע־נומען אַ בעכער ווײַן און האָט זיי אַרײַנגעשאָטן אין דעם ווײַן.

אַ האַלבן בעכער ווײַן האָט ער געגעבן דעם מלך טרינקען, און די אַנדערע העלפֿט — דער מלכּה.

און ער האָט צו זיי געזאָגט, אַז זיי וועלן האָבן אַ זון, וואָס וועט זײַן פֿון דימענטן, און ער וועט אין זיך האָבן אַלע סגולות פֿון די אַלע דימענטן.

און נאָך דעם איז זיך דער צדיק אַהיימגעגאַנגען.

*

און די מלכּה האָט געהאַט אַ זון. איז געווען גאָר אַ גרויסע שׂמחה אויף דעם מלך. נאָר דער זון איז נישט געווען פֿון דימענטן.

אַז דער זון איז אַלט געוואָרן פֿיר יאָר, איז ער געווען אַ גרויסער פּאַרשוין און אַ גרויסער חכם אין אַלע חכמות, און האָט געקענט אַלע לשונות.

פֿלעגן קומען צו פֿאָרן מלכים, זיי זאָלן אים זען.

און די בת־מלכּה האָט געזען, אַז זי איז שוין נישט אַזוי חשובֿ. האָט זי זיך אין אים מתקנא געווען. נאָר דאָס איז איר נחמה געווען: באַשר דער צדיק האָט געזאָגט, אַז דער זון וועט זײַן נאָר פֿון אֲבָנים טובֿות, איז גוט כאָטש, וואָס ער איז נישט פֿון אֲבָנים טובֿות.

איין מאָל האָט דער בן־מלך געשניטן האָלץ און האָט זיך אַ שניט געטאָן אין פֿינגער. איז די בת־מלכּה צוגעלאָפֿן צו אים אַרומבינדן דעם פֿינגער. האָט זי דאָרט דערזען אַ דימענט.

האָט זי אים מקנא געווען.

האָט זי זיך געמאַכט קראַנק. און כּמה דאָקטוירים זײַנען געקו־מען זי היילן. זיי האָבן אָבער נישט געקענט איר קיין רפֿואה געבן.

האָט מען גערופֿן מכשפֿים.

און זי האָט איין מכשף אויסגעזאָגט דעם אמת, אַז זי האָט זיך אַליין געמאַכט קראַנק, כּנ״ל, מחמת דעם ברודער. און זי האָט דעם

מכשף געפֿרעגט, אויב עס איז מעגלעך, אַז מע זאָל טאָן אַ מענטשן כּישוף, ער זאָל ווערן קרעציק.

— יאָ, — האָט ער געזאָגט.

— אפֿשר ווערט ער זוכן — האָט זי אים געפֿרעגט — אַן אַנדער מכשף, וואָס וועט מבֿטל זײַן דעם כּישוף און ער וועט אויסגעהיילט ווערן?

האָט דער מכשף געזאָגט, אַז מע וועט אַרײַנוואַרפֿן דעם כּישוף אין וואַסער אַרײַן, וועט מען שוין נישט קענען אים מבֿטל זײַן [2].

האָט זי אַזוי געטאָן און אַרײַנגעוואָרפֿן דעם כּישוף אין וואַסער אַרײַן.

און דער מלך האָט זיך געפּאָרעט מיט דאָקטוירים און מכשפֿים. און זיי האָבן נישט געהאָלפֿן. האָט ער גוזר געווען אויף די ייִדן פֿון זײַן מדינה, אַז זיי זאָלן מתפּלל זײַן.

האָבן די ייִדן אויפֿגעזוכט דעם צדיק הנ״ל, וואָס האָט מתפּלל געווען, אַז דער מלך זאָל האָבן אַ זון, און האָבן אים געבראַכט פֿאַר דעם מלך.

און דער צדיק פֿלעגט תּמיד מתפּלל זײַן פֿאַר השם יתברך: באַשר ער האָט צוגעזאָגט דעם מלך, אַז זײַן זון זאָל זײַן נאָר פֿון אַבֿנים טו־בֿות, צום סוף איז ער נישט געווען אַזוי. ער האָט געטענהט צום אייבערשטן:

— צי האָב איך דען דאָס געטאָן פֿון מײַן כּבֿוד וועגן? איך האָב דאָך דאָס געטאָן נישט מער ווי פֿון דײַן כּבֿוד וועגן. פֿאַר וואָס זשע איז נישט מקוים געוואָרן אַזוי ווי איך האָב געזאָגט?

און דער בן־מלך איז זייער קרעציק געוואָרן. ער האָט געהאַט

---

[2] דער מקור פֿון דעם דאָזיקן מאָטיוו אין דער מעשה איז אין ירושלמי סנהדרין כ״ו, ב, ווּ עס ווערט דערציילט די מעשה מיט דער מכשפה, וואָס האָט פֿאַרכּישופֿט דעם זון מיט דער שנור פֿון אַ ייִדישן זקן, זיי זאָלן קיין קינדער נישט האָבן, און האָט אַרײַנגעוואָרפֿן דעם כּישוף אין ים אַרײַן, פֿון וואַנען ער איז צוריק אַרויסגעשפּיגן געוואָרן דורך דעם שר של ים אויף דעם באַפֿעל פֿון ענגע ייִדישע תּנאים.

אויף דער נאָז קרעץ און אויף דעם פּנים, און אויף דעם איבעריקן גוף.

און דער צדיק איז געקומען צום מלך. האָט מתפלל געווען אויף די קרעץ פֿון בן־מלך, ער זאָל געהיילט ווערן, און עס האָט נישט געהאָלפֿן.

האָט מען אים מודיע געווען פֿון אויבן, אַז דאָס איז אַ כּישוף.

און דער צדיק הנ״ל איז העכער געווען פֿון אַלע מכשפֿים.

איז דער צדיק געקומען און האָט מודיע געווען דעם מלך, אַז דאָס איז אַ כּישוף, און אַז מע האָט דעם כּישוף אין וואַסער אַרײַנגעוואָרפֿן. קען דער בן־מלך אַנדערש נישט געהיילט ווערן, סײַדן מע זאָל אַרײַנוואָרפֿן דעם מכשף, וואָס האָט געטאָן דעם כּישוף, אין וואַסער אַרײַן.

האָט דער מלך געזאָגט:

— איך גיב דיר אַלע מכשפֿים, מע זאָל זיי אַרײַנוואָרפֿן אין וואַסער, אַבי מײַן זון זאָל אויסגעהיילט ווערן.

האָט די בת־מלכּה מורא געהאַט און איז געלאָפֿן צום וואַסער אַרויסנעמען דעם כּישוף פֿון דעם וואַסער. וואָרעם זי האָט געוווּסט, ווו דער כּישוף ליגט. איז זי אַרײַנגעפֿאַלן אין וואַסער אַרײַן.

איז געוואָרן אַ גרויס געפּילדער, אַז די בת־מלכּה איז אַרײַנגעפֿאַלן אין וואַסער אַרײַן.

איז דער צדיק הנ״ל געקומען און האָט געזאָגט, אַז דער בן־מלך וועט שוין אויסגעהיילט ווערן.

און ער איז אויסגעהיילט געוואָרן.

די צרעת איז פֿאַרדאַרט געוואָרן און איז אַראָפּגעפֿאַלן.

און דערנאָך האָט זיך אָפּגעשיילט גאָר די הויט פֿון אים.

איז ער געוואָרן נאָר פֿון אֲבָנים טובֿות און האָט אין זיך געהאַט די אַלע סגולות פֿון אֲבָנים טובֿות.

וואָרעם, אַז די הויט האָט זיך אָפּגעשיילט, האָט מען געזען, אַז דער בן־מלך איז אין גאַנצן פֿון אֲבָנים טובֿות, אַזוי ווי דער צדיק האָט געזאָגט.